**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 16 מיליאָן דאלאר יעצט דא צו באקומען צו שטופן ערפינדונגען אין ריינע הײדראָודזשען**

***שטיצט פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן און העלפט איינשפאנען פעדעראלע פינאנצירונג געלעגנהייטן***

***שטופט פאר ריינע הײדראָודזשען באנוץ אין אינדוסטריאלע פראצעדורן, ריינע טראנספארטאציע, ענערגיע סטארעדזש און גריד שטיצע***

***שטיצט ציהל פון 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' צו ערגרייכן 100 פראצענט פון עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 16 מיליאָן דאלאר איז יעצט דא צו באקומען צו שטופן פאר ערפינדונגען אין דעם פעלד פון ריינע הײדראָודזשען דורך דעם 'הײדראודזשען און ריינע ברענשטאף פראגראם' (Hydrogen and Clean Fuel Program). די פינאנצירונג וועט שטיצן פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן און אזוי אויך וועט עס העלפן איינשפאנען פעדעראלע הײדראודזשען פינאנצירונג געלעגנהייטן, שטופנדיג פאר די באנוץ מיט ריינע הײדראָודזשען אין אינדוסטריאלע פראצעדורן, ריינע טראנספארטאציע, ענערגיע סטארעדזש און צו אונטערהאלטן די גריד. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהלן פון די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדער 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act) צו אריבערגיין מיט 100 פראצענט צו עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040.

"ניו יארק נעמט די לייצעס אין די הענט צו בויען א פעלד פון ריינע הײדראָודזשען און צו פארגרעסערן די יונגע אינדוסטריע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צו פלעגן די גרינע עקאנאמיע, איז דאס פאראויס שטופן אלטערנאטיווע ברענשטאף א וויכטיגע וועג צו רעדוצירן עמיסיעס אריבער די עקאנאמיע און שאפן נייע דזשאב געלעגנהייטן אין ריינע ענערגיע."

פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), איז די פינאנצירונג יעצט דא צו באקומען דורך צוויי געלעגנהייטן זיך צו פארמעסטן פאר דעם [הײדראודזשען און ריינע ברענשטאף פראגראם](#) — אן 11 מיליאָן דאלארדיגע פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע געלעגנהייט און א 5 מיליאן דאלארדיגע אנגייענדע געלעגנהייט וואס קען גיבן שטיצע מיט טייל פון די קאסטן פאר קערפערשאפטן וואס אפלייען ערפאלגרייך פאר פעדעראלע הײדראודזשען פינאנצירונג פאר ניו יארק-באזירטע פראיעקטן.די מיינונגען פון פארמישטע קערפערשאפטן אין ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אין שוואכערע קאמיוניטיס האבן געשפילט א הויפט ראלע ביים אויספארעמען די פעלדער אויף וועלכע די פינאנצירונג וועט זיך קאנצענטרירן.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דארין העריס, האט געזאגט**, "צו קענען נאכקומען ניו יארק'ס אמביציעזע עמיסיעס רעדוקציע ציהלן פארלאנגט זיך פונקט אזא אמביציעזע צוגאנג צו שטיצן ערפינדונגען און נייע טעכנאלאגיעס, און דאס ווערט ארויסגעוויזן דורך די סטעיט'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין ריינע הייד‎ראָודזשען פארשונג און אנטוויקלונג. זייענדיג די עלעמענט וואס געפונט זיך די מערסטע בשפע אויפן וועלט, איז הייד‎ראודזשען א נאטורליכע לייזונג וואס גיבט ברענשטאף פאר די זון, און עס האלט די זעלבע מאכטפולע פאטענציאל פאר די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

אפליקאנטן פארביידע געלעגנהייטן קענען באשטיין פון איינציגארטיגע קערפערשאפטן אדער פון טיעמס, און זיי מוזן אדרעסירן איינס פון די פינף טעכנישע טשעלענדזשעס — פון אינדוסטריאלע באנוצן פאר ריינע הייד‎ראָודזשען ביז הייד‎ראודזשען ברענשטאף צעל עלעקטרישע קארן.

פארשלאגן וועלן אנגענומען ווערן אונטער די פאלגנדע קאטעגאריעס:

- **פראדוקט אנטוויקלונג** – שטופט פאראויס באמיאונגען וועלכע זענען קריטיש פאר די אנטוויקלונג פון א טעכנאלאגישע פראדוקט, סיסטעם, סטראטעגיע אדער סערוויס וואס קען פארקויפט ווערן אויפן מארקעט, און סיי וועלכע טעסטס אדער אויפווייזונגען פון אן ערפינדונג וואס איז נאכנישט דא צו באקומען אויפן מארקעט און וואס קענען פירן דערצו אז פראדוקטן וואס ווערן מעניופעקטשערט אין ניו יארק סטעיט זאלן ארויפגיין אויפן מארקעט.
- **'פיילאט' און דעמאנסטראציע פראיעקטן** – דעמאנסטרירן און טעסטן ניי-ערפינדענע טעכנאלאגיעס, סיסטעמען, סטראטעגיעס אדער סערוויסעס וואס פארלאנגען טעסטינג צו קענען ארויפגעלייגט ווערן אויפן מארקעט — אדער אזעלכע וואס זענען שוין דא צו באקומען אויפן מארקעט אבער זענען נאכנישט געווארן אנגענומען דורך די אינדוסטריע אדער נאכנישט געברענגט געווארן צום באנוץ אויף א באדייטנדן פארנעם אין ניו יארק סטעיט.

דאס איז די צווייטע רונדע פון פינאנצירונג וואס ווערט געאפפערט פאר פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן, און [אפליקאציעס](#) וועלן אנגענומען ווערן ביז **3:00 נאכמיטאג אום יולי 15, 2024**. פארשלאגן וואס זענען ערהאלטן געווארן אין די ערשטע רונדע ווערן יעצט איבערגעקוקט, און גרענטס זענען ערווארטעט צו געמאכט ווערן אין די דריטע פערטל פון 2024.

[אפליקאציעס](#) פאר די פינאנצירונג געלעגנהייט פאר מיטגעטיילטע קאסטן וועלן אנגענומען ווערן לויט די סדר ווי זיי ווערן אריינגעגעבן ביז **3:00 נאכמיטאג** אום **יוני 26, 2025**. פאר נאך אינפארמאציע און פאר פארבינדענע דאקומענטן, באזוכט NYSERDA'ס [וועבזייטל](#).

כדי צו העלפן קערפערשאפטן וואס ווילן פאטענציאל אריינגעבן פארשלאגן צו טרעפן שותפים מיט וועם זיך צוזאמצושטעלן פאר די און צוקונפטיגע הייד‎ראודזשען פינאנצירונג געלעגנהייטן, האט NYSERDA געעפנט א נייע שותפים [פלאטפארמע](#). אינטערעסירטע קערפערשאפטן קענען אריינגעבן זייער אינפארמאציע פון זייער אייגענע ווילן כדי צו טרעפן פאטענציאלע שותפים פאר צוזאמענארבעט.

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) פארזיצער, ראָרי מ. קריסטשיען, האט געזאגט**, "אנטוויקלען נייע אלטערנאטיווע ברענשטאפן איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון אונזער צוקונפטיגע ריינע-ענערגיע עקאנאמיע, און דאס אנטוויקלען א ריינע-הייד‎ראודזשען סיסטעם איז טייל פון די אלגעמיינע אינציאטיוו. די קריטיש נויטיגע פינאנצירונג דורך דעם הייד‎ראודזשען און ריינע ברענשטאף פראגראם וועט העלפן אנטוויקלען און אריינברענגען אין באנוץ נייע צוגענג צו רעדוצירן עמיסיעס."

**ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענווייראָמענטאַלע אַפּהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאָמישאַנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "ניו יאָרק'ס באַדייטנדע אינוועסטירונגען צו נאכקומען די קלימאט פראבלעמען שטופן פאראויס פארשונג און אנטוויקלונג צו באגלייטן די סטעיט'ס אנהאלטנדע באמיאונגען צו רעדוצירן פאַסיל ברענשטאף באנוץ און שטיצן דאס איינפירונג פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, איז 16 מיליאן דאלאר יעצט דא צו באקומען צו פארשטערקערן פארשונג און ערפינדונגען אין ריינע הײדראָודזשען, ארויסהעלפנדיג מיט אונזער אריבערגאנג צו א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע און א גרינערע סביבה."

**ראַיאַנישע הויפט פאר הײדראָודזשען און קארבאן-נידעריגע ברענשטאפן ביי DNV, אַמיט גאָיאַל, האט געזאגט,** "כאטש די טעקס קרעדיטס וואס זענען אריינגעלייגט געווארן אין דעם פאראייניגטע שטאטן אינפלאציע רעדוקציע אקט וועלן באדייטנד פארבעסערן די עקאנאמישע פראקטישקייט פון ריינע הײדראָודזשען פראיעקטן, דאך איז די מציאות אז איינציגווייזע סטעיטס מוזן אויך אונטערנעמען דירעקטע שריט צו אונטעריאגן פראדוקציע און באנוץ פון ריינע הײדראָודזשען אינעם לאנד. עס קומט זיך אנערקענונג פאר גאווערנער האקול און NYSERDA פאר זייערע דייטליכע באמיאונגען צו אונטעריאגן די פראדוקציע און באנוץ פון ריינע און פארלעסליכע הײדראָודזשען טרייב קראפט אין ניו יארק. NYSERDA'ס איניציאטיוו פאר באנוצן פון היץ אין אינדוסטריאלע פראצעדורן, סטארעדזש פון הויכע מאסן, שטיצן 'מייקראָו-גרידס' און ערמעגליכן שווערע טראנספארטאציע זענען גענוי די סארט סטעיט-שטאפל שטיצע וואס איז נויטיג צו ערגענצן פעדעראלע רייך מאסנאמען און העלפן ווייטער אונטערשטיצן די הײדראָודזשען עקאנאמיע."

די איניציאטיוון זענען אנטוויקלט געווארן צוזאמען מיט די קלימאט שריט קאונסיל'ס ( Climate Action Council) [פארנעם ('סקאָופּינג') פּלאן](#) וואס ווייזט אן אויף די סטראטעגישע באנוץ מיט קארבאן-נידעריגע ברענשטאף ווי צום ביישפיל ריינע הײדראָודזשען אלס א וויכטיגע מיטל צו אראפנעמען פון קארבאן אזעלכע אינדוסטריעס וועלכע זענען טראדיציאנאל שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו עלעקטריציטעט. אין צוגאב – ווי פארגעשלאגן אין NYSERDA'ס 'ענערגיע סטארעדזש מאפע' ( Energy Storage Roadmap) וואס ווערט גענומען אין באטראכט דורך די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע – אזוי ווי ניו יארק רוקט זיך צו אראפּענעמען איר עלעקטריציטעט גריד פון קארבאן נוצנדיג באנייבארע ענערגיע מקורות, פעהלן אויס צום ווייניגסטנס 18 גיגאַוואַטס (gigawatts, GW) פון קארבאן-פרייע ענערגיע סטארעדזש קאפאציטעט וואס קען גרייט ארויסגעבן ענערגיע פאר לענגערע צייטן ביז 2050.

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין פארשונג, אנטוויקלונג און צו אריינברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט צו שטיצן ערפינדערן וועלכע פארשנעלערן די נייע טעכנאלאגיעס צו אראפנידערן עמיסיעס און באערדיגן קארבאן וועלכע זענען נויטיג צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ציהל צו אנקומען צו א פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע עקאנאמיע. NYSERDA'ס [ערפינדונג פראגראם](#) גיבט אויס 800 מיליאן דאלאר איבער א צייט אפשניט פון 10 יאר אין דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און דורך שטיצע פאר אלעס ארום און ארום ביים ארויפברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט. מער פון 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין ערמעגליכט געווארן און מער פון 450 נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען ארויפגעברענגט געווארן אויפן מארקעט אלץ רעזולטאט פון די NYSERDA'ס אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און אין ביזנעס אנטוויקלונג, אריינרעכענענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, היים אפּלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

פינאנצירונג פאר די אינציאטיוון קומט פון די סטעיט'ס 10-יאריגע 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund, CEF) און פון די ראיאנישע שעדליכע גאזן אינציאטיוו (Regional Greenhouse Gas Initiative, RGGI). מער אינפארמאציע איבער די CEF איז פארעפנטליכט אויף NYSERDA'ס וועבזייטל. פאר מער אינפארמאציע איבער RGGI, באזוכט ביטע NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן